Opłata pocztowâ uiszczonâ ryczełtem.

Majer Folksblat פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

Nr. 41/1336 | Łódź, Czwartek 16 lutego 1928 r. | זעקסטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דאָנערשטאָג כה שבט תרפ"ח | Nr. 41/1336

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 71-24. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

# רעגירונגס-קריזיס אין דייטשלאַנד

# היינט זאָל פאַלען דער דייטשער קאַבינעט.

בערלין, 15 (ספּ. טעל.) היינט 10 אינדערפריה איז זיך צונויפגעקומען די צווישען-פראַקציע-קאָמיסיע פון די מעהרהייטס-פּאַרטייען, כדי צו דעצידירען וועגען דער רעכטער רעגירונגס-קאָאַליציע.

צוליב דער קאָנסעקווענטער עקשנות פון דער דייטשער פאָלקס-פּאַרטיי, דאַרף מען ערוואַרטען דאָס אַרויסטרעטען פון קאַבינעט די מיניסטאָרען פון צענטרום און דייטש-נאַציאָנאַלע. נאָכ'ן פאַרמעלען פונאַנדערלאָזען פון דער איצטיגער קאָאַליציע, וועט די קאָמיסיע אַדורכפיהרען אַ דעבאַטע וועגען טערמין פון די נייע וואַהלען.

## גרויסער טומעל אין רומענישען פּאַרלאַמענט.

בוקאַרעשט. 15 (אַטע) אין פאַרלאַמענט איז היינט געקומען צו זעהר שטורמישע סצענעס, בעת דער פאָרזיצענדער האָט פאָרגעלעגט אויסצושליסען דעם געזו. פרעמיער דעפּ. וואַיוואָד אויף 3 זיצונגען האָט די פּויערים-פּאַרטיי געמאַכט אַ שרעקליכען טומעל, געבראָכען פּאַטעלען און געריסען דאָקומענטען. די גאַנצע פראַקציע פון דער פּויערים-פּאַרטיי האָט צוזאַמען מיט וואַיוואָדען פערלאָזען די זיצונג פון פאַרלאַמענט.

## רוסלאַנד וויל נישט מיטאַרבייטען

### מיט דער פעלקער-ליגע

גענף, 15 (ספּ. טעל.) רוסלאַנד האָט אָפּגעוואָרפען די איינלאַדונג פון דער פעלקער-ליגע אָנצוּווייזען די פערזאָנען, וועלכע וואָלטען געקענט מיטאַרבייטען אין עקאָנאָמישען בייראַט פון דער פעלקער-ליגע.

## גרויסע מיסברויכען אין דאַנציגער צאָל-אַמט.

דאַנציג, 15 (ספּ. טעל.) דאָ איז אַרעסטירט געוואָרען שוין דער דריטער הויכער בעאַמטער פון דאַנציגער צאָל-אַמט, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין גרויסע געלד-מיסברויכען. דער דאָזיגער בעאַמטער אַ געוויסער מערץ, האָט „געאַרבייט" אינגאַנצען אונאָפּהענגיג פון די שוין אַרעסטירטע בעאַמטע און האָט פערשוואונדעט 45 טויזענד גולדען.

## קאָלאָניזאַציע אויפ'ן ווייטען מזרח.

ריגא 15 (אַטע) מ'מעלדעט פון כאַרקאָוו, אַז דאָס פּרעזידיום פון אוקראַינישען צענטראַל-קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט צו בעזעצען פון אוקראַינער אויף די פרייע טעריטאָריעס פון ווייטען מזרח 5 מיליאָן מענשען. די סבה פון דעם בעשלוס איז וואָס אוקראַינא איז צו געדיכט בעזעצט אויף 100 העקטאַר וואוינען 90 מענשען.

## גרויסע גרובען-קאַטאַסטראָפע

### מיט פיל מענשליכע קרבנות.

בערלין, 15. (אט"ע). מ'מעלדעט פון סאַרבריקען, אַז אין די אמעלינג-קאָפּאַלניעס האָבען אויפגעריסען די קעסלען. בעת דער שרפה, וואָס איז אויסגעבראָכען זענען פערברענט געוואָרען 4 הייצערס.

מאָסקווא, 15 (א. וו.) מ'מעלדעט פון כאַרקאָוו, אַז אין אַ קוילען-גרובען אין יוזובקא האָט אויפגעריסען אַ לאַגער דינאַמיט. עס זענען דערהרג'עט געוואָרען 19 אַרבייטער. צווישען די דערהרג'עטע זענען פאַראַן 6 דייטשען און 13 רוסען.

## טויט-אורטיילען פאַר אונגאַרישע דעפּוטאַטען

### וועלכע ווילען רעפאַרמירען דעם „נומערוס קלאַוזוס".

בודאַפּעשט, 15 (א. וו.) אַ גאַנצע רייה דעפּוטאַטען, וועלכע זענען געגען דעם „נומערוס-קלאַוזוס" האָבען בעקומען טויט-אורטיילען אונטערגעשריבען דורך דער „געזעלשאַפט צו שיצען די רעכט פון קריסטענטום אין אונגאַרן".

אַ עהנליכען בריף האָט אויך בעקומען דער בילדונגס-מיניסטער,

צו דער **פערוואַלטונג** פון **בעקער-מייסטער**
(פּאָמאָרסקאַ 15).

אַזוי ווי נישט זייענדיג קיין מיטגליד ביי אייך אין פעראיין פון 1/1, האָט איהר ביי מיין פרוי גענומען בייטראַג אין גרויס פון 5 זלאָטעס, וועלכעס איך פאָדער צוריק, ווייל איך געהער צו דער בעקער-סעקציע ביים האַנדוועקער-ראַט, זאַוואַדזקאַ 5. מיט אכטונג

שמאול זיינוויל ליטראָווסקי. 148

אַלגעמיינער
יודיש-נאַציאָנאַלער
**וואַהל-בלאָק**
צום סיים און סענאַט
לאָדז, מאָניושקי 5, טעל. 7088

# 33

היינט, דאָנערשטאָג, דעם 16-טען פעברואַר ד. י. 8 אין אָוועבד קומט פאָר
**אַ גראַנדיעזער**
# וואַהל-מיטינג
זאַל פילהאַרמאָניע
20 נאַרוטאָוויטשאַ 20

מיט'ן אָנטייל פון די דעפּוטאַטען נח פּרילוצקי, וו. ווישליצקי, פּרנס יצחק מאיר לעווין, אַדוו. זונדעלעוויטש פון וואַרשאָ און אַ רייה פאָרשטעהער פון די לאָדזער פּאָליטישע און ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס.

איינגאַנג נאָר פאַר וואַהל-בערעכטיגטע. :—: פאַר פרויען איז רעזערווירט דער באַלקאָן.

בילעטען צו בעקומען אין „אגודה", פאָלקס-הויז, סוחרים-פעראיינען פּיעטריקאָווער 73, 31 און 10, ווי אויך ביים וויצע-פּרעזעס פון קליינהענדלער-פעראיין גרשון וואָלמאַן אויף אָגראָדאָווא 3 און אין „אגודה"-לאָקאַל אויף נאָווא-זאַרזשעווסקאַ 7.

# 33

W dniu 15 lutego 1928 r. zmarł 138

Ś. P.

**Dr. JAKÓB KON**

lekarz Kasy Chorych m. Łodzi.

W zmarłym instytucja nasza straciła gorliwego i sumiennego pracownika, który w ciągu blisko 6-ciu lat pełnił z poświęceniem i umiłowaniem trudną i odpowiedzialną służbę na powierzonym Mu posterunku lecznictwa społecznego.

Cześć Jego pamięci!

**KASA CHORYCH m. ŁODZI.**

אויפ'ן גרונד פון דער פערארדנונג פון ה' בילדונגס-מיניסטער בנוגע דעם רעגולאַמין פון די וואַהלען, פערעפענטליכט די קהלה-פערוואַלטונג דעם

**אויסגאַנג פון די וואַהלען צו דער קהלה-פערוואַלטונג**

וועלכע זענען פאָרגעקומען דעם 14-טען פעברואַר 1928.

**פון דער ליסטע נומער 1:**
ניימאַן גערזאָן, בזשעזשינסקי אברהם, האָפמאַן ראובן.

**פון דער ליסטע נומער 2:**
מינצבערג יעקב לייב, בערגער לייזער הענעך, שוויאַטלאָווסקי ישעיהו, וואַידיסלאַווסקי אהרן יוסף, ליבערמאַן שמואל, זאַמערפעלד מרדכי מענדעל, פּליוואַצקי לייזער, וויצמאַן יוסף.

**פון דער ליסטע נומער 3:**
רוס בנימין, מאַקאָווער מענדעל.

**פון דער ליסטע נומער 4:**
זעלמאַנאָוויטש אפרים לאַזער.

**פון דער ליסטע נומער 5:**
ציטרינאָווסקי יחיאל משה.

די פערוואַלטונג פון דער
**יודישער קהלה אין לאָדז**

אַטיכטיגער
**טאַמבאַריר-געזעלען**
ווערט געזוכט.
צו ערפאַהרען ביי רינגאַרט, פּלאַץ-וואָלנאָשטשי 10.

**טיכטיגע האַנדוועבער**
(נאָך אויסלאַנד)
פאַר טיכער-אַרבייט, ווערען געזוכט.
בעפאָרצוגט אונפערהייראַטע. — אָפּערטען אונטער „L. J." אין אַדמיניסטר. פון דער צייטונג. 142

Dr. med.
**H. Lajchter**
קאָנסטאַנטינער 9.
רוג זאַכאַרניע טעל. 49-66
צאָהן-כירורג
ספּעצ. פון כירורגישע קראַנקהייטען פון שמשענקעס, גומענס, דושענעלעס, צאָהן-פּלאָמבירע א.ש.וו. נעמט אָן פון 5—1½ שבת און יום-טוב פון 10 — 12

